השלמה
משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

### פרשת צו שנת תשפ"ג לפ"ק

### בכינוס איגוד חבורות בחורי וויען

יום ב' פרשת צו תשפ"ג לפ"ק - סטעמפארד קאנעטיקעט

**איך** וויל באגריסן די טייערע חשוב'ע בחורים, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דא אינאיינעם. יעדער איינער פון ענק איז א דימאנט פאר זיך אליין. די חשוב'סטע וואס איז דא אין כלל ישראל, זענען די וואס זיצן אין בית המדרש פון צופרי ביז ביינאכט, און זענען עוסק בתורה. - א דימאנט איז זייער חשוב, עס איז זייער טייער, אבער יעדער ווייסט, אז מען דארף שלייפן א דימאנט כדי עס זאל לייכטן, און עס זאל ארויסגעבן די ריכטיגע פארב וואס ליגט אינעווייניג. און דאס איז די יונגע יארן וואס מען האט, וואס מען איז אין ישיבה, און מען טוט זיך רייניגן, מזכך זיין, כדי מען זאל קענען אויסוואקסן א שיינע פרי.

**מען** שטייט פאר פסח. מען ווייסט אז די מצוה פון קרבן פסח האט מען געגעבן ווען מען איז נאך געווען אין מצרים. עס איז פון די ערשטע מצוות וואס אונז האב מיר מקבל געווען, ערב פסח האט מען גע'שחט'ן דעם קרבן פסח, און מען האט עס געדארפט עסן בחבורה. די חבורה האט געדארפט זיין צוזאמען, בבית אחד יאכל (שמות יב-מו), מען האט עס געגעסן אין איין שטוב. עס איז דא א דעה (פסחים צא.) אין שוחטין את הפסח על היחיד, מען האט נישט געקענט ברענגען א קרבן פסח פאר זיך אליין, מען האט געדארפט צוזאמנעמען בני ביתו, אדער גוטע פריינד, און מיט זיי האט מען געמאכט דעם קרבן פסח.

**וואס** איז אנדערש קרבן פסח פון אלע אנדערע מצוות. יעדע מצוה קען ער טון פאר זיך. ער קען לייגן תפילין ביי זיך אין שטוב, און ער קען לייגן בציבור. ער קען זיצן אין די סוכה, עסן מצה פאר זיך אליין. אבער נישט קרבן פסח, דו קענסט נישט ברענגען קיין פסח אליין, דו דארפסט צוזאמנעמען דיין גאנצע חבורה, און אזוי זאל מען ברענגען דעם קרבן פסח. - און דו דארפסט אכט געבן וועמען דו ביסט ממנה אויפן קרבן פסח. אויב דו ביסט ממנה אויפן קרבן פסח איינער וואס באלאנגט נישט דארט, איז דער קרבן פסח פסול. אז מען האט ממנה געווען אויפן קרבן פסח די וואס זענען ערלים, אדער טמאים, וואס זיי קענען נישט עסן פונעם קרבן פסח, ער איז טמא, און א ערל טאר נישט עסן קיין קרבן פסח, פסל'ט ער דעם קרבן פסח. וואס ליגט אין קרבן פסח אנדערש ווי אלע אנדערע מצוות, אז מען דארף עס מקיים מיט א חבורה.

**עס** שטייט פונעם **גער'ער רבי זצ"ל**, דער **אמרי אמת**, אז אין די תורה איז דא צוויי פסוקים. איין פסוק (דברים י-כ) זאגט א לשון יחיד, את ה' אלקיך תירא, דו זאלסט מורא האבן פונעם אייבערשטען, אותו תעבוד, דעם אייבערשטען זאלסטו דינען, ובו תדבק, און דו זאלסט זיך מדבק זיין אינעם באשעפער. א פרשה שפעטער (דברים יג-ה) ווערט נאכאמאל איבערגע'חזר'ט די מצוה, דארט שטייט שוין מיט א לשון רבים. אחרי ה'

אלקיכם תלכו, ואותו תיראו, עטץ זאלטס מורא האבן פונעם אייבערשטען, ואותו תעבודו, און אים זאלט עטץ דינען, ובו תדבקון, און עטץ זאלטס זיך מדבק זיין צום באשעפער. פארוואס האט ער געטוישט, ער האט אנגעהויבן מיט א לשון יחיד, און שפעטער חזר'ט ער איבער די זעלבע זאך, מיט א לשון רבים.

**האט** דער הייליגער אמרי אמת געזאגט, צווישן די צוויי פרשיות איז אויסגערעכנט די פרשה פון א נביא שקר. וואס די הלכה איז ווען א נביא זאגט ליגנט, און וואס מען דארף טון, ווען ער וויל מסית ומדיח זיין, אוועקצוגיין פון דרכי התורה. זאגט ער, לעבן אליין און דינען דעם אייבערשטען, קען מען נאר ווען עס איז נישט דא קיין נביאי שקר, ווען עס איז נישט דא קיין מסיתים ומדיחים וואס טוען אוועקנעמען פון עבודת ה', דעמאלטס קען א מענטש לעבן פאר זיך אליין. ער קען דינען דעם אייבערשטען ווי אזוי ער וויל. אבער ווען עס קומט א צייט וואס עס דרייען זיך ארום מסיתים ומדיחים אינדרויסן, קען זיי א יחיד נישט ביי-קומען! ער מוז האבן א קרייז, ער מוז האבן א מסגרת, ער מוז האבן א חבורה צוזאמען, וואס זאלן זיך צוזאמהאלטן מיט כוחות אינאיינעם, דעמאלטס וועט ער עס קענען באווייזן. אזוי ווי די תורה האט גערעדט פון די פרשה פון א נביא שקר, וואס גייט מדיח זיין פונעם אייבערשטען, האט די תורה געזאגט, פון יעצט איז שוין נישט גענוג אז את ה' אלקיך תירא, דו זאלסט אליין מורא האבן. עס מוז זיין אותו תיראו ובו תדבקון, מען דארף זיך צוזאמנעמען צוזאמען, דעמאלטס וועט מען קענען זיך פירן ערליך.

**די** וועלט היינט איז אויסגעשטעלט, אז וואו מען גייט, און וואו מען דרייט זיך אינדרויסן, ווי מען האט פריער געהערט, בעקבתא דמשיחא, די לעצטע שטאפל פונעם גלות, איז כמעט נישט מעגליך צו זיין אן ערליכער יוד, ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש! וואו מען גייט, און וואו מען שטייט, איז מלא פריצות, איסורים, מסיתים ומדיחים. מענטשן וואס זענען מדיח, כלים וואס זענען מדיח. וואו מען רירט זיך היינט, גייט מען אוועק און מען שטייט נעבן א מסית ומדיח אוועקצוקערן פון יודישקייט. און נאר די וואס האלטן זיך צוזאמען, מען איז אין א חבורה צוזאמען, האבן די כוחות הנפש אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין.

**יעדער** בחור קען עס זעהן ביי זיך אליין. ווען עס קומט בין הזמנים, **א בחור וואס האט נישט קיין חברותא בין הזמנים, ער זיצט ביי זיך אין שטוב, אן א מסגרת פון א ישיבה, אן א מסגרת פון חברים, לא ימלט אז ער פאלט אדורך! עס איז נישט מעגליך! דער ארום און ארום איז אזוי שטארק, אז עס נעמט אוועק, און מען פאלט און מען פאלט, און מען דערזעהט זיך סוף בין הזמנים אן אנדערער בחור.** אבער דער וואס לעבט נישט פאר זיך אליין, ער איז מיט זיינע חברים צוזאמען, ער האט זיינע שיעורים אין בית המדרש, און ווען ער דארף רעדן, רעדט ער מיט זיין חבר, און ער פארברענגט מיט אים צוזאמען, אויף אן ערליכן וועג, די קענען זיך האלטן, און די זענען מצליח.

**יודען** זענען געווען אין מצרים, און זיי האבן זיך געפירט ערליך אין מצרים. יודען זענען נישט געווען פרוץ בערוה, אזוי זאגט דער מדרש (ויק"ר לב-ה), זיי האבן געהאט געוויסע שיינע מידות ווען זיי זענען געווען אין מצרים. מען איז געווען פארשקלאפט, פון צופרי ביז ביינאכט האט מען געארבעט, מען האט נישט געהאט קיין צייט פאר קיין עבירות, מען האט נישט געהאט קיין קאפ אפילו צו טראכטן פון עפעס אנדערש, איז מען געווען ערליך.

**עס** קומט יציאת מצרים, מען הייבט אן ארויסצוגיין פון מצרים, און מען גייט איינעמען ארץ ישראל. מען הייבט אדורכצוגיין ארץ סיחון, ארץ עוג, מואב און אזוי ווייטער, ווי אלע גוים האבן געוואוינט. מען גייט אריינקומען אין ארץ שבעה עמים, מען וועט אנטרעפן דארטן חיתי אמורי פריזי יבוסי, און אלע ארום און ארום. וועט זיין זייער שווער מען זאל זיך קענען האלטן ערליך. מען וועט אנהייבן צו זעהן ווי אזוי די גאס קוקט אויס אינדרויסן, עס וועט אנהייבן צו גלוסטן. וואס דער גוי האט, וויל ער אויך האבן. מען וועט זיך נישט קענען האלטן. - אז מען קען זיך נישט האלטן, איז נישט כדאי גאנץ יציאת מצרים! ענדערש בלייבן אין מצרים אזוי ווי מען איז, מען גייט אוועק פון די וועלט אן ערליכער איד, ווי איידער ארויסצוגיין פון מצרים, און מען זאל פארפאלן ווערן אינדרויסן אויף דער גאס!

**האט** דער אייבערשטער אונז געגעבן די ערשטע מצוה, **דו גייסט ארויס פון מצרים, דארפסט האבן א קרבן פסח, א חבורה צוזאמען. לערן דיך אויס אז דו מוזט זיין צוזאמען מיט א קרייז וואס וועט דיך האלטן ארום און ארום.** און אין די קרייז דארף זיין

נאר ערליכע, טמאים און ערלים זענען נישט דארט, ווייל טאמער ביסטו צוזאמען מיט זיי, האסטו גארנישט אויפגעטון מיט דיין חבורה צוזאמען. א גוטע חברותא איז נאר ווען מען האט גוטע חברים וואס מיט זיי איז מען ארומגענומען. **אז דו האסט גוטע חברים, דעמאלטס איז כדאי ארויסצוגיין פון מצרים.** דו ברענגסט א פסח, דו דאנקסט דעם אייבערשטען אשר פסח על בתי בני ישראל, און מען גייט ארויס פון מצרים. די הודאה איז נאר ווען דו ווערסט זיך קענען האלטן ערליך, און צו דעם דארפסטו האבן א חבורה.

*

**עס** שטייט ביי משה רבינו, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, ער האט געדארפט אנטלויפן, איז ער אנגעקומען אויף מדין. און ער האט געהאט צוויי קינדער, גרשום און אליעזר. די ערשטע קינד האט ער א נאמען געגעבן גרשום, כי גר הייתי בארץ נכריה. די צווייטע קינד האט ער א נאמען געגעבן אליעזר, כי אלקי אבי בעזרי ויצילנו מחרב פרעה (שמות יח-ג), איך בין געווען אין מצרים, פרעה האט מיך געוואלט הרג'נען, און ער האט מיך מציל געווען, איך האב געקענט אנטלויפן פון מצרים. לכאורה וואלט ער קודם געדארפט א נאמען געבן די ערשטע קינד, אליעזר, דאס האט דאך פאסירט קודם. קודם איז ער אוועק פון מצרים, ויצילנו מחרב פרעה, און די צווייטע קינד וואלט ער געדארפט א נאמען געבן גרשום, איך האב מיך באזעצט דא, און איך בין א גר בארץ נכריה.

**עס** שטייט אין די מפרשים, משה רבינו האט געדאנקט דעם אייבערשטען אז ויצילנו מחרב פרעה. אבער ער האט דאך געהאט געוואלדיגע נסיונות, ארויסצוגיין פון מצרים פון יודען, און וואוינען צווישן גוים צוזאמען. ארויסגיין אין א ארץ מדין, וואו עס איז נישט געווען קיין איין שומר תורה דארטן, עס זענען נישט דארט געווען נישט זיין טאטע, און נישט זיין מאמע, נישט זיין ברודער, און נישט קיין שוועסטער, איין יוד אליין משה רבינו איז געווען דארט.

**און** משה רבינו האט זיך געהאלטן. איך בין א גר דא. עס איז נישט מיין פלאץ. איך בין א פרעמדער דא, און איך וויל זיך נישט צוגעוואוינען צו דעם פלאץ, איך וויל נישט האבן קיין שייכות מיט דעם מקום, איך גיי וואוינען פאר מיר, און איך גיי דינען דעם אייבערשטען. אזוי האט ער זיך געקענט האלטן ערליך. לו יהא משה רבינו וואלט נישט צוגעקומען צו די השגה, אז ער וויל זיין א גר בארץ נכריה, דאנקט ער נישט דעם אייבערשטען אויף ויצילנו מחרב פרעה! ענדערש זאל מיך פרעה אוועקנעמען פון די וועלט, איך זאל קענען אוועקגיין פון די וועלט ערליך! ווען האט ביי מיר א חשיבות ויצילנו מחרב פרעה, נאר ווען עס איז גר הייתי בארץ נכריה. ווען איך פיל זיך ווי א גר, איך האב נישט קיין שייכות מיט די גאס אינדרויסן, דעמאלטס קומט די צווייטע קינד, אויף ויצילנו מחרב פרעה.

*

**עס** איז מיר אויסגעקומען דעם שבת צו זעהן געשריבן א מעשה, און איך וועל איבערזאגן די מעשה. דער וואס האט פארציילט די מעשה, האט ארויסגעברענגט איין געוויסע נקודה פון די מעשה, און מיך האט באנומען אנדערע צוויי נקודות אין די מעשה, און איך וועל עס מיט-טיילן מיט די בחורים.

**יעדער** ווייסט אז אין מאנסי איז געווען א גרויסער גאון, **רבי משה גרין זכרונו לברכה**, ער האט געהאט א ישיבה אין מאנסי. אין זיינע יונגע יארן איז ער געווען א ראש ישיבה אין סקווירא, דארט האט ער אנגעהויבן מרביץ תורה צו זיין. און רבי משה גרין האט פארציילט, אז ער האט אמאל געהאט א שמועס מיטן **סקווירא'ער רבי זצ"ל**, און מען האט גערעדט וועגן ליגן אין לערנען, וואס הייסט אז מען ליגט אין לערנען.

**האט** אים דער סקווירא'ער רבי זכרונו לברכה געזאגט, איך וועל דיר פארציילן א מעשה פון מיר. איך בין געווען א בחור, צו א יונגערמאן, איך האב געהאט א חברותא מיט וועם איך האב געלערנט. מיט די חברותא האב איך אדורכגעלערנט כמה מסכתות ומקצועות בתורה. איין טאג רופט מיך אריין מיין טאטע, און ער זאגט מיר, איך וויל דו זאלסט אויפהערן צו לערנען מיט די חברותא. פרעג איך, וואס איז? זאגט מיר דער טאטע, איך האב געזעהן אז ער האט זיך געטוישט זיין הוט מיט וואס ער פלעגט צו גיין, אויף אביסל א מאדערנערע היטל. ווער ווייסט ווי דאס וועט אים נאך פארפירן, און איך וויל נישט דו זאלסט האבן א שייכות מיט אים! ער האט אפגעשטעלט די חברותא.

**האט** דער סקווירא'ער רבי זכרונו לברכה פארציילט. יארן שפעטער, האב איך זיך געטראפן מיט דעם חבר מיינער, און ער איז ליידער אראפ פון יודישען וועג אינגאנצען. איך האב אנגעהויבן צו רעדן צו אים, און איך האב געזעהן, אז פון עולם הבא האב איך נישט וואס צו רעדן מיט אים, ער איז אינגאנצען נישט דארט, ער איז שוין פארקראכן אינגאנצען. האב איך אנגעהויבן צו רעדן מיט אים וועגן עולם הזה, און איך האב אים געפרעגט אזא שאלה. די אלע גשמיות'דיגע תאוות וואס דו ביסט נאכגעגאנגען נאך זיי אלע יארן ביז יעצט, האסטו אמאל געשפירט אין א תאוה אזא תענוג וואס דו האסט געהאט ווען אונז זעמיר געזעסן צוזאמען, און מיר האבן פארענטפערט א רמב"ם? האסטו געשפירט אין אלע תאוות גשמיות, אזא תענוג? האט ער זיך צוווינט, און ער האט געזאגט, איך האב קיינמאל נישט געשפירט נאך אזא טעם וואס איך האב געהאט דעמאלטס... און דער סקווירא'ער רבי ז"ל האט עס מפליא געווען פאר רבי משה גרין, אז איינער וואס איז ארויסגעגאנגען פון יודישן וועג, און ער איז נאכגעגאנגען נאך תאוות העולם הזה, אבער ווען איך האב אים געפרעגט צו ער האט היינט אזא תענוג, ווי דער תענוג וואס ער האט געהאט בשעת ער איז געזעסן און געלערנט? האט ער מיט טרערן געזאגט, אזא תענוג האט ער נישט!

**די** מעשה האט ער פארציילט ארויסצוברענגען וואס דאס מיינט ליגן אין לערנען. א מענטש קען ליגן אין לערנען, און מען קען זיך מתענג זיין. מען הייבט אן צו פארשטיין לערנען, און מען וויל קענען נאך א בלאט און נאך א בלאט פון תורה, מען הייבט אן צו שפירן א תענוג רוחני, צו זיצן און ממשיך זיין, קענען נאך א בלאט, נאך א פרק, נאך א מסכתא, אז אלע אנדערע תאוות גשמיות שפעטער, קענען נישט ערזעצן דעם תענוג וואס מען קען זוכה זיין ווען מען איז א בן תורה. - דאס איז איין העלפט פון די מעשה.

*

**מיך** האט אבער איבערגענומען צוויי אנדערע פרטים פון די מעשה. איינס, עס קען זיין א געלונגענער בחור, וואס האט שוין געענדיגט כמה מסכתות, און אדורכגעגאנגען כמה מקצועות שבתורה, און ער האט געהאט אזא הייליגע חברותא ווי ביים סקווירא'ער רבי'ן אין שטוב. יארן שפעטער, קען מען זיך דערזעהן אז מען איז אינגאנצען אוועקגעפאלן פון וואס מען האט געהאט. יצא לתרבות רעה. אפגערעדט פון זיצן און לערנען, נאר אפילו פון עולם הבא האט ער געזאגט, אז ער האט שוין נישט מיט וועם צו רעדן. וואס דאס מיינט דער אל תאמין בעצמך עד יום מותך (אבות ב-ד). **וויפיל שמירה דארף א בחור האבן, אז ווען ער איז שוין א געלונגענער בחור, און ער איז שוין מצליח אין ישיבה, און ער פירט זיך אויף ערליך, אז ער זאל נישט ווערן אוועקגערוקט פון וואס ער איז.**

**עס** איז דאך אזוי גרינג היינט, **ווען א מענטש האט נישט קיין שמירה פאר זיך, ער היט זיך נישט פון אלע נסיונות וואס איז דא היינט אויף די גאס, ער איז נישט אפגעזונדערט פון די אלע כלים טמאים וואס טוען פארפירן, ווייסט ער נישט וואו ער וועט אנקומען! ער זאל זיך נישט פארלאזן, איך בין וואויל, איך בין ערליך, און איך בין פיין, און איך לערן, איך בין מצליח, אז דו וועסט אזוי אויסזעהן שטענדיג. נעם עס נישט אן פאר גרענדע"ט, אז עס איז אזוי. אל תאמין בעצמך עד יום מותך. אז דו וועסט נישט מאכן גדרים וסייגים, איך וויל זיך האלטן צו מיין ערליכקייט, איך וויל נישט פארפאלן ווערן, ווייסט מען קיינמאל נישט וואו מען קומט אן שפעטער.** איין נקודה.

*

**די** צווייטע נקודה וואס האט מיך איבערגענומען דערפון איז. וואו האט זיך דאס אנגעהויבן, אז דער איז אזוי פארפאלן געווארן? פון אזא קלייניגקייט, ער האט זיך געטוישט זיין הוט! **איך מוז נישט זיין קיין חסידישער בחור אינגאנצען**, איך קען גיין מיט א הוט וואס איז אביסעלע מאדערן. דאס איז די התחלה. דארט האט זיך עס אנגעהויבן, און נאכדעם איז עס צוגעקומען, אז מען האט שוין נישט צו רעדן צו אים וועגן עולם הבא. און א צדיק אמת, האט עס באמערקט תיכף, אין די ערשטע רגע וואס ער האט געזעהן אז ער האט זיך געטוישט זיין הוט, האט ער געזאגט לא יירש עם בני עם יצחק, איך לאז נישט מיין קינד לערנען מיט אים ווייטער, דאס איז נישט זיין חברותא. היינט איז ער אזוי, איך ווייס נישט וואו ער וועט פארקריכן שפעטער.

**אונז** רעד מיר נישט פון חברותא, אונז רעד מיר פאר זיך אליין. **מען גייט אסאך מאל נאך, נאך די גאס, אזעלכע גלעזער וואס יענער האט, איך גיי מיר אנטון**

**אזא הוט ווי יענער האט, איך גיי מיר אנטון אזעלכע שיך, שמאלע הויזן, וכדומה וכדומה, וואס מען מיינט אז עס איז א קלייניגקייט. עס איז נישט קיין קלייניקייט! דאס איז די התחלה פון א ירידה! א מענטש דארף גיין אזוי ווי זיינע עלטערן זענען געגאנגען. נישט טוישן קיין שום לבוש פון וואס מען איז געגאנגען. אדרבה, מוסיף והולך צו זיין אין חיצוניות וואס ער קען, כדי ארויסצוברענגען זיין חסידישקייט.** פון דעם וואס מען גייט אוועק, און מען רוקט זיך אוועק, ווייסט מען נישט שפעטער ווי מען קומט אן. - און איך וועל עס מסביר זיין, אפילו א בחור זאל עס קענען פארשטיין.

**יעדע** חברותא האט זיך זיין קרייז. **א חסידישע חברותא, חסידישע בחורים צוזאמען. אויב איינער פילט זיך אביסל מאדערן אין די קרייז וואו ער געפונט זיך, הייבט ער אן צוביסלעך אוועקצוגיין פון דארט.** ער פילט זיך נישט גוט. איך בין דער אויסגעשפילטער דא, איך בין נישט אזוי ווי אלע אנדערע, זיי זענען חסידישע בחורים, איך בין נישט אזוי חסידיש ווי זיי. ער הייבט זיך אן צו שפירן געפאלן ביי זיך. און וואס געשעהנט, הייבט ער זיך אן צו זוכן א חברותא וואס איז דומה צו אים. ער גייט נישט זוכן א חסידישע חברותא, ווייל ער גייט זוכן איינס וואס איז נאנטער צו אים. און אזוי הייבט מען אן צו פאלן.

**דאס** הייבט זיך אן אלץ בחור אין ישיבה, און נאכדעם **ווען עס קומט צו א שידוך, קען ער נישט טון קיין חסידישן שידוך, ווייל ער איז דאך נישט אויסגעשטעלט אזוי חסידיש ווי עס קומט זיך. דאס איז א לאנגע קייט. מען האט אנגעהויבן נאכצוגיין אביסעלע מאדערן, טרעפט ער א שידוך וואס איז מאדערן, און נאכדעם ווען ער האט חתונה, איז דאך עס על אחת כמה וכמה. ווען ער דארף זוכן א בית המדרש וואו צו דאווענען, ער קען דאך נישט אריינגיין אין א חסידיש בית המדרש דאווענען, ווייל איך בין דאך נישט אזוי ווי אלע וואס זענען דארטן. הייבט ער אן צו זוכן נאכדעם א בית המדרש מיט א שוואכערע חברותא, ער זאל זיין איינס צוזאמען מיט די אנדערע.**

**אויב ער געפונט עס נישט אויף דעם פלאץ וואו ער וואוינט, גייט ער אוועק-מאפען ערגעץ אין די רוחות, ווי דארט קען ער טון וואס ער וויל, ער קען גיין ווי אזוי ער וויל.** - איין קליינע ירידה, וואס ער האט אנגעהויבן זיך צו טוישן פון זיין חסידישן לבוש, ער האט זיך אנגעהויבן צו טוישן אויף עפעס אנדערש, וואו דאס קען פירן שפעטער, וואס דאס קען אוועקנעמען.

**די** חברותא פונעם סקווירא'ער רבין ז"ל, איז געווען א בחור וואס האט דורכגעלערנט מסכתות און מקצועות שבתורה, און ווען מען האט געזעהן א טויש אין א היטל, האט מען דערקענט וואו דאס וועט אים פירן שפעטער. און עס איז געווען דברי נביאות וואס איז אמת געווארן, און עס איז אזוי געווען.

**דאס איז דער כח פון א חבורה. אז מען האלט זיך צוזאמען, מען האט גוטע חברים אינאיינעם. און מען זוכט זיך צו צושטעלן צום חבר, און מען זוכט זיין אזוי ווי דער חבר, איך גיי זיך נישט טוישן, איך גיי נישט זיין מאדערן, ווייל אז איך וועל אנהייבן צו גיין אביסעלע מאדערן, בין איך אוועקגעגאנגען פון מיין חברותא.** איך האב זיך אפגעטיילט פון זיי. און איך האב מיך יעצט צוגעשטעלט צו א צווייטער גאטונג חברותא, און דאס וועט אים ל"ע אראפפירן שפעטער פון וואס מען איז.

**און** דאס האט אונז דער אייבערשטער געלערנט ביי פסח. דו גייסט ארויס אויף דער גאס, דו זאלסט נישט נמשך ווערן נאך די גאס, דו דארפסט האבן א חבורה צוזאמען, וואס דאס וועט דיך האלטן.

*

**עס** האט מיך היינט אנגערופן א בחור, א יונגער בחור, און ער זאגט מיר, זיין פאטער איז מער נישט דא, ער וואוינט מיט די מוטער, **איך האב געבעטן מיין מאמע איך וויל מיר קויפן א טעלעפאון. מיין מאמע האט געזאגט, רוף אן דעם רב, פרעג אים צו דו קענסט קויפן א טעלעפאון.** רופט ער מיך אן, רב, איך וויל פרעגן, צו איך קען קויפן א טעלעפאון?

**פרעג** איך, פארוואס דארפסטו א טעלעפאון? זאגט ער, יעדער האט. זאג איך, דו ווייסט וואו דער טעלעפאון וועט דיך צוברענגען שפעטער? דו דארפסט נישט א טעלעפאון ווייל דו דארפסט איינער זאל רעדן צו דיר וכדומה, דו דארפסט דאך עפעס מיט דעם טעלעפאון גיין ווייטער. צו וואס פארא חברותא וועסטו צוקומען דורכדעם? צו וואס פארא וואטס-עפ וועסטו צוקומען דארטן? וואס

וועט דיין גרוף זיין וכדומה? וואו וועסטו אנקומען מיט דעם טעלעפאון? עס איז דיר כדאי ווייל דו דארפסט א טעלעפאון, זיך אריינצולייגן אין אזא נסיון?!

**נו,** ער פארשטייט טאקע אז עס איז נישט גוט, אבער טאוק-אנלי קען איך האבן? נאר צו רעדן. זאג איך אים, טאוק-אנלי איז בעצם נישט קיין עבירה, אבער **דו דארפסט דען טאוק-אנלי, דו ווילסט דאך נאר האבן דעם פתח דערצו, אז דו זאלסט קענען ביי די מאמע ארויסנעמען א טעלעפאון, און נאכדעם וועסטו שוין אנקומען מיט דעם טעלעפאון ווייטער.** זיי דיך מתבונן יעצט, בעפאר דו גייסט עס טון, זיי דיך מתבונן וואו דאס וועט דיך פירן שפעטער. אז דו ווילסט בלייבן אן ערליכער בחור, טראכט יעצט! אמאל טוט מען א קליינע שריט, וואס מען האט זיך אוועקגערוקט, און מען ווייסט נישט וואו מען קומט אן שפעטער. דע מאין באת, ולאן אתה הולך. דע מאין באת, געדענק פון וואס פארא שטוב דו קומסט, דו קומסט פון גוטע שטיבער, קוק ווי אזוי דו האסט אויסגענוצט דיינע יונגע יארן, און טראכט ולאן אתה הולך, ווען דו טוסט עפעס א זאך, וואו גייט עס דיך פירן, וואו וועסטו אנקומען שפעטער. און ווען א מענטש לעבט אזוי, ביי יעדע זאך טראכט ער איבער, איך וויל נישט פארפאלן ווערן, איך וויל זיין א גוטער בחור, און איך וויל אויסוואקסן, איך וויל שטייגן, און איך גיי אכט געבן איך זאל נישט נכשל ווערן. דאס איז די איינציגסטע זאך וואס קען האלטן אז מען זאל זיך פירן ערליך. די גדרים וסייגים וואס ער מאכט פאר זיך, אז ער זאל נישט נכשל ווערן.

*

**די** גמרא (יבמות קט:) זאגט, כל האומר אין לו אלא תורה, אפילו תורה אין לו. ווען א מענטש זאגט, איך האב נאר איין זאך, תורה. איך לערן, עס איז גענוג. אפילו תורה אין לו, ער האט נישט, אפילו תורה אויך נישט. וואס איז טייטש ער האט נישט אפילו תורה, ער האט דאך יא, ער זיצט דאך און ער לערנט.

**אמת,** מען קען לערנען, אבער תורה אליין איז נישט גענוג. **תורה אן יראת שמים, אן ערליכקייט, אז מען פירט זיך נישט ערליך, מען איז נישט מקיים די מצות פונעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין, די תורה בלייבט נישט!** דו קענסט לערנען, דו קענסט קענען, און זיך פארהערן א מסכתא, אבער די תורה וועט נישט האבן ביי דיר קיין מקום, עס זאל זיך האלטן ביי דיר. די גמרא (שבת לא.) זאגט, אי יראת ה' הוא אוצרו (ישעיה לג-ו) אין, ואי לא לא. די גמרא איז עס מדמה צו א מענטש וואס האט ווייץ, און ער וויל עס זאל זיך האלטן אין מאגאזין, דארף ער האבן א קב חומטין וואס דאס זאל האלטן די ווייץ. עס איז ענדערש זאלסט נישט ארויפטראגן די ווייץ אויפן דאך צו באהאלטן, אז דו האסט נישט אריינגעלייגט א זאך וואס זאל עס קענען האלטן.

**תורה** אליין, האלט זיך נישט! תורה מיט יראת שמים, דאס איז די איינציגע זאך וואס האלט די תורה וואס מען לערנט. איינמאל זאגט די גמרא (ברכות ח.) אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה, דער באשעפער האט נאר ד' אמות של הלכה. און איינמאל זאגט די גמרא (ברכות לג:) אין לו להקב"ה בעולמו אלא אוצר של יראת שמים. ווייל כדי די ד' אמות של הלכה זאל בלייבן ביי דיר א קביעות, דארפסטו האבן א אוצר של יראת שמים. תורה וואס מען לערנט נישט ערליך, וועט פארפאלן ווערן.

**א** בחור קען זיך פארהערן, און ער קען קענען, אבער אז עס פעלט דער יראת ה', וועט נישט בלייבן ביי אים די תורה. די גמרא זאגט נישט, ער קען נישט יעצט קיין תורה, כל מי שאין בו אלא תורה, אויב ער האט נאר תורה, וועט דער סוף זיך אויסשטעלן אפילו תורה אין לו, ער וועט תורה אויך נישט האבן. ווייל עס קען נישט זיין תורה אליין. תורה דארף זיין געבינדן מיט יראת שמים, עס מוז זיין די אוצר של יראת שמים.

**אוצר של יראת שמים איז ערליכקייט. לערנען מוסר ספרים, לערנען חסידישע ספרים. נישט זיין עושה מצות ה' כמצות אנשים מלומדה** (ישעיה כט-יג). איך בין אויפגעשטאנען, איך האב געזאגט די ברכות, איך האב שוין געדאווענט, איך האב שוין געבענטשט. **א מצוה וואס א יוד טוט, דארף ער עס טון מיט א ווארימקייט, מיט א ברען אין יעדע מצוה.** ווען עס קומט צו א דאווענען, נישט איך האב אפגעדאווענט, און איך האב אפגעזאגט די ווערטער וואס שטייט אין סידור, נאר ליגן אין די ווערטער פון תפלה. **ווען א מענטש דאווענט ערליך, און ער איז זיך מתבונן אין די פירוש המילות וואס ער זאגט, איז דאך דער סידור א מוסר ספר פאר אים. וויפיל אהבת ה' און יראת ה'**

**קען א מענטש ארויסברענגען ביי זיך, ווען ער איז זיך מתבונן אין גדולת הבורא, אין די גרויסקייט פונעם אייבערשטען. וויפיל רוהיגקייט ברענגט עס פאר א מענטש, ווען ער דאווענט ערליך, ער פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען, ער ווייסט אז דער אייבערשטער פירט מיר אלעס.** יעדער פון אונז איז דאך אנגעפולט מיט פראבלעמען, זאכן וואס שטערן אים. אין די יוגענט שטערט דאך אסאך זאכן, פאר יעדן בחור שטערט דאך געוויסע זאכן, אין שטוב, חברים, וכדומה, און אז מען געוואוינט זיך צו דאווענען ערליך, השלך על ה' יהבך, מען ווארפט אלעס ארויף אויפן אייבערשטען, איז דאך דער לעבן שפעטער אן אנדערער סארט לעבן ווי פון פריער.

*

**מידות. ארבעטן אויף מידות איז יעצט די צייט.** ווילאנג מען איז יונג, ווילאנג מען האט זיך נישט איינגעוואוינט דערצו, איז גרינג זיך אויסצוארבעטן א מדה. עס איז דא אזויפיל מידות, מען נעמט א מסילת ישרים, צו ארחות צדיקים, צו סיי וועלכע מוסר ספר. דאס וואס מען האט געארבעט אויף זיך אין דער יוגענט, דאס בלייבט אויף שפעטער, עס ווערט א חלק מבשרו. עס איז אינגאנצען די פאר יאר וואס מען איז אין ישיבה, ארבעט מען אויף מוסר, און אויף זיך. ווען מען גייט ארויס שפעטער אויף דער גאס, האט מען שוין נישט די געלעגענהייט מיט די צייט דערצו.

**מען ברויך זיך אויסלערנען, מען זאל נישט זיין קיין כעסן,** זיך נישט בייזערן, זיך צוריק האלטן פון בייזערן. ווי אזוי א דיבור דארף צו זיין, **מען זאל רעדן ערליך און איידל וכדומה,** די אלע זאכן דארף מען זיך געוואוינען דערצו, דאס קומט נישט פון זיך אליין. און אזוי זענען די איבריגע מדות, גאוה, ענוה, ארויסשטיין, רדיפת כבוד, וואס איז אלץ דא, אלעס דארף מען זיך לערנען אין די יוגנט. יעצט איז די צייט דערצו, וואס א מענטש זאל קענען שטייגן.

*

**דער סדר היום פון א בחור דארף זיין,** מען שטייט אויף צופרי, לערנען פארן דאווענען. דאווענען ערליך, דאווענען מיט א מתינות, שטאט, האבן א מנין קבוע ווי ער דאווענט, און א שטאטער מנין, וואו מען דאווענט. איך זאג נישט מען זאל דאווענען שעות, אבער דאווענען שטאט מלה במלה. מען זאל קענען טראכטן פירוש המלות אין יעדעס ווארט וואס ער דאווענט. זאגן תהלים נאכן דאווענען. - דאס איז דער אוצר של יראת שמים, וואס א יוד דארף האבן, כדי ער זאל קענען וואקסן און שטייגן.

*

**א** שבת, א יום טוב. שבת איז נישט געמאכט געווארן נאר צו עסן קוגל און טשולענט, און ליגן אין בעט דעם גאנצען שבת. **שבת איז געמאכט געווארן צו דינען דעם אייבערשטען.** עס הייבט זיך אן מיט פרייטאג צו נאכטס, א דאווענען פרייטאג צו נאכטס, מען קומט אריין אין א נייע וועלט, ווען עס קומט דער שבת. און אזוי דארף זיין דער שבת בייטאג, אויסצונוצען די פרייע צייט פאר תורה און אזוי ווייטער. שלש סעודות זיצן צוזאמען, הערן דברי תורה, הערן דברי מוסר. ווי מען וואוינט, ווי מען געפונט זיך, איבעראל איז דא און מען קען טרעפן א חבורה, ווי מען קען מיטהאלטן שלש סעודות, כדי ער זאל קענען עפעס הערן, און קענען נתעורר ווערן דערפון.

**און** כל שכן ווען עס קומט א יום טוב, עס איז נישט דא אזויפיל ימים טובים, שהחיינו וקימנו לזמן הזה. **עס קומט א יום טוב פון פסח, מען דארף זיך צוגרייטן דערצו,** מען קען נישט אריינפאלן אין א פסח, און שפירן א טעם אין מצה, אין סיפור יציאת מצרים, אין יום טוב פון די גאולה, אן דעם וואס ער האט נישט נושא בעול געווען דערין. **מען דארף לערנען א חסידיש ספר. מען דארף לערנען די הלכות וואס איז נוגע, 'שונה הלכות' וכדומה וואס איז נוגע, וויסן וואס עס טוט זיך אינעם יום טוב, וויסן הלכה למעשה וואס מען דארף צו טון, און ווי אזוי מען זאל זיך קענען דערהייבן און שפירן א טעם אינעם יום טוב.**

*

**לימוד התורה דאס איז דאך דער עיקר פון אלעם.** ליגן אין לערנען, אויסנוצן די צייט צו לערנען. עס קומט א בין הזמנים, אויסנוצן די פרייע צייט וואס מען האט, זיצן אין בית המדרש און עוסק זיין בתורה. **ווען עס קומט בין הזמנים, דארף א בחור איבער'חזר'ן וואס ער האט געלערנט אין דעם ווינטער, אז ווען דער בין הזמנים גייט אדורך, זאל ער קענען די דרייסיג, פערציג, פופציג בלאט גמרא וואס מען האט געלערנט דעם זמן, און קענען די סימנים**

**שלחן ערוך וואס אונז האב מיר געלערנט דעם זמן. אין איין חודש קען מען איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, כדי אז עס וועט קומען דער קומענדיגער זמן זאל ער קענען די צווייטע העלפט פון די מסכתא, און סוף יאר זאל די גאנצע מסכתא זיין ביי אים רגיל על לשונו, ער זאל זיך קענען פארהערן!** סוף יאר איז שווער אריינצונעמען די גאנצע מסכתא, אבער א האלבע מסכתא, וואס מען האט עס נישט לאנג געלערנט, עס איז אזוי גרינג איבערצו'חזר'ן יעצט וואס מען האט געלערנט, כדי ער זאל קענען קונה זיין, זיין לימוד.

**טעמו** וראו כי טוב ה', קוקטס נישט אן אז לערנען איז שווער, קוקטס נישט אן אז לערנען איז א עול. קוקטס אן דעם סוף דערפון, **ווען עטץ וועטס אריינקומען אין דעם טעם פון די תורה, וועט עטץ געוואויר ווערן אז עס איז נישט דא קיין בעסערע זאך פון תורה,** עס איז מתוקים מדבש ונופת צופים. דער התחלה איז נאר קשה, אבער נאכדעם וועט מען עס נישט אוועקגעבן פאר כל הון דעלמא, וואס מען האט זוכה געווען צו תורה.

**א בחור דארף שטרעבן איך גיי ארויס פון די ישיבה, איך גיי חתונה האבן, דארף איך קענען א פאר הונדערט בלאט גמרא!** אויף דעם האב איך זיך געפלאגט. איך האב געלערנט יעדן זמן פון די דרייצן יאר אן, איך האב געלערנט ביי די פערצן, פופצן, זעכצן, זיבעצן, אכצן, ניינצן, און אסאך מאל ביז די צוואנציג, וואס איז מיט די תורה וואס איך האב געלערנט? פארוואס זאל איך עס נישט קענען? פארוואס זאל נישט א בחור ארויסגיין מיט אלעם וואס ער האט געלערנט? - עס איז נאר ווייל ער חזר'ט נישט איבער. און אז מען חזר'ט נישט, קען מען נישט.

**מען** דארף אנהייבן קודם מיט די מסכתא וואס מען לערנט, מען דארף נעמען אויף זיך איבערצו'חזר'ן, **כאטש דאס יאר וועל איך קענען וואס מען האט יעצט געלערנט, און אנהייבן צו מאכן א פראגראם פאר זיך, איך גיי איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט א יאר פריער אויך.** ווען מען האט פרייע צייט, נאך א עמוד, נאך א עמוד, נאך א עמוד, נאך א עמוד, וכדומה, ער זאל קענען סוף פונעם יאר נישט נאר די מסכתא פון די יאר. אסאך בחורים האבן דאך איבערגע'חזר'ט די מסכתא סוף פון דעם יאר, נישט לאזן עס צו פארגעסן, נאר מען זאל ווייטער עוסק זיין דערין.

*

**לכו** בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם, מען דארף זוכן וואו מען קען קונה זיין יראת שמים. אין יעדע מקום וואו א בחור געפונט זיך, איז דא וואו ער קען גיין. איז עס שלש סעודות, איז עס פרקי אבות, איז עס דרשות וואס מען הערט. עס נישט האלטן פאר גרינג. מען קען זייער אסאך קונה זיין פון וואס מען הערט. **איין גוט ווארט וואס מען האט געהערט, קען אמאל מאכן א רושם אויף א בחור וואס זאל אים מהפך זיין פון וואס ער איז געווען.**

*

**אסאך** מאל איז דא א געוויסע יאוש. מען האט פריער געהערט, אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים. איך בין שוין נישט קיין דרייצן יאר, איך בין שוין נישט קיין פערצן, איך בין שוין אפשר זיבעצן, שוין אכצן יאר. איך האב נישט אזוי מצליח געווען אין מיינע יארן יעצט, עס וועט שוין זיין גוט אזוי, אי"ה ביז איך וועל חתונה האבן.

**עס** איז פאלטש! **איך קען צענדליגער בחורים, צענדליגער, וואס האבן נישט מצליח געווען, און זיי זענען נישט אויסגעשטיגן אלץ בחור וואס מען האט ערוווארטעט פון זיי. און ווען זיי זענען געווארן זיבצן אכצן יאר, האבן זיי זיך אריינגעווארפן אין די גמרא, און זיי האבן אנגעהויבן צו לערנען, און זיי זענען אויסגעוואקסן שפעטער געוואלדיגע מרביצי תורה.** איך זאג עס פון חברים וואס איך האב געלערנט צוזאמען אין די ישיבה. איך האב געקענט זייער הלוך ילך, איך האב זיי געקענט פון פריער, און עס איז געקומען א צייט, וואס ער האט זיך אנגעכאפט עד כאן, געגנוג אנגעברענגט די צייט, איך גיי זיך זעצן לערנען, איך וויל יא קענען. איך גיי קענען די מסכתא, מען האט אנגעהויבן מיט איין מסכתא, און א צווייטע מסכתא, און זיי זענען אויסגעוואקסן מרביצי תורה! א מענטש זאל נישט זאגן, עס איז שוין דערנאך! איך בין שוין נישט געוואקסן וויפיל איך קען, און עס וועט נישט גיין ווייטער.

**מען דארף נעמען אויף זיך, עס איז נישט קיין נפקא מינה ווי אלט מען איז, איך הייב יעצט אן. איך הייב יעצט אן 'ובהם נהגה', צו איך הייב אן דעם לימוד פון**

**די ישיבה, עס איז נישט קיין נפקא מינה, אבער איך הייב אן יעצט זיך אריינצולייגן אין תורה, און איך וויל אויסוואקסן אז אי"ה ביז א יאר צוויי דריי, זאל איך קענען א פאר הונדערט בלאט גמרא!** - און מען קען עס באווייזן. מען רעדט נישט פון קיין עילויים, מען רעדט יעצט פון א פשוטן בחור, ער קען עס באווייזן אז ער זאל עס קענען, ער דארף נאר אויסנוצן די צייט דערצו.

*

**עס איז גוט בעפאר מען לייגט זיך שלאפן, מען זאל האבן נעבן בעט, א ספר פון צדיקים.** איך רעד נישט פון מעשה ביכלעך וכדומה, נאר תולדות פון גדולי ישראל. עס איז היינט דא גאנצע שענק וואס באשרייבן גדולי ישראל, וואס מען קען זיך זייער אסאך לערנען פון זייער הנהגה, ווי אזוי זיי האבן זיך געפירט. עס לערנט, עס גיט דעם פיקטשע"ר פון א מענטש וואס האט עס געטון, און האט עס באוויזן צו טון. און אז מען האט אים געקענט, ווייסט מען נאך מער פון וואס מען רעדט. עס גיט א געוואלדיגן חיזוק, אז א מענטש זאל קענען שטייגן. עס גיט א געוואלדיגן שטופ פאר א מענטש, איך קען אויך נאכמאכן וואס יענער האט געטון. יענער איז אויך נאר געווען א בשר ודם אזוי ווי איך, ער האט אויך נאר געהאט אזא גוף און אזא קאפ אזוי ווי איך, און קוקסט צו וואס ער איז צוגעקומען.

**א** מענטש דארף נישט ליגן אין קיין מעשה ביכלעך, אבער ווען מען לייגט זיך שלאפן, דו ליגסט דאך ממילא אין בעט ביז מען שלאפט איין. נעם דיר פינף צען מינוט, האב א ספר, קוק אריין ווי אזוי ערליכע יודען האבן זיך געפירט. עס איז דא אסאך מוסר וואס ליגט אין זייערע ווערטער. עס איז היינט זייער שיין געשריבן, כמעט פון אלע גדולי ישראל וואס א מענטש האט א נאנטקייט צו זיי, אז ער זאל זיך קענען דערפון אפלערנען.

*

**איך** האב געוואלט צוענדיגן מיט נאך איין נקודה, גמילת חסדים. תורה, עבודה, און גמילות חסדים, אויף דעם שטייט די וועלט. און אז מען געוואוינט זיך נישט, צו טון גמילות חסדים אלץ בחור, איז זייער שווער שפעטער צו זיין אן עסקן וכדומה. די אלע עסקנים וואס איז היינט דא אין כלל ישראל האבן אלע געטון אין זייערע יונגע יארן. מען זיצט אין ישיבה, מען האט נישט קיין צייט מען זאל גיין נאך געלט וכדומה, עס איז נישט געמאכט געווארן פאר קיין בחורים. אבער **ווען עס איז בין הזמנים, דו האסט נישט קיין ישיבה, פארוואס זאלסטו נישט נעמען איינמאל אין בין הזמנים, איין טאג צופרי, צוויי בחורים גייען צוזאמנעמען געלט.** קענסט עס געבן פארוואס פאר א קופה דו ווילסט, פארוואס פאר א צדקה עס איז. לערן דיך אויס צו טון פאר א צווייטן יוד. לערן דיך אויס אז איך געב אוועק, עס איז שווער, נאך א קוואדער נאך א קוואדער, איך האב צוזאמגעשטעלט געלט פאר אן עני אויף פסח, ער זאל האבן וואס מען דארף צו האבן. עס איז א מצוה. עס איז עולם עומד עליה, תורה, עבודה, וגמילת חסדים.

**און** גמילת חסדים הייבט זיך קודם אן אינדערהיים. כיבוד אב ואם. עס איז בין הזמנים, מען איז אינדערהיים, וויפיל עגמת נפש האבן אסאך מאל עלטערן פון די קינדער, אז מען פירט זיך נישט אויף אזוי ווי זיי האבן ערווארטעט פון די קינדער. אין צוויי חלקים. א טאטע און מאמע זעהן אז א בחור דרייט זיך ארום אין שטוב אן א עול, ער עפענט נישט קיין ספר, שלאפט ביז איך ווייס ווילאנג. וויפיל עגמת נפש האבן א טאטע און א מאמע צוצוקוקן וואס דער בחור טוט. איך האב אים געשיקט לערנען אין ישיבה א גאנץ יאר, דאס איז די פרי וואס ער האט אהיימגעברענגט? אזוי דארף ער זיך אויפפירן? מען איז זיך נישט מתבונן אסאך מאל די ווייטאג וואס עלטערן האבן, און מען איז זיי מצער. די עלטערן ווילן אסאך מאל נישט ווי טון פאר די קינדער, זאגן זיי נישט היתכן וכדומה, אבער מען דארף קוקן ביי זיך אליין. איך דארף זיך אזוי אויפפירן, אז מיין טאטע און מיין מאמע זאלן האבן הנאה פון מיר, זיי זאלן זעהן נחת ווי אזוי מען פירט זיך אויף.

**עס** איז צייטן וואס מען דארף העלפן אין שטוב. עס איז פאר פסח. **ווען די מאמע בעהט עפעס, נישט זאגן מען וועט עס טון מארגן, אדער שפעטער.** עס איז א מצוה אין די תורה, למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך, עס איז נישט דא קיין סאך מצות אין די תורה וואס די תורה גיט אזעלכע ברכות, אז מען וועט האבן אריכת ימים, און עס וועט זיין גוט. עס קומט פאר יום טוב, אדרבה, פרעגן די מאמע וואס קען איך גרינגער מאכן אין שטוב. מען גיט אכט אז מען זאל זיך נישט קריגן מיט די געשוויסטער, מען

איז א גאנצע טאג צוזאמען, ווי נישט ווי איז מען נישט אייביג אויף איין דעה, און מען קריגט זיך, וויפיל עגמת נפש ברענגט מען אין שטוב, וויפיל קולות וואס איינער מאכט אויפן צווייטן. וויסן זיך צו היטן, דו ביסט אינדערהיים, דארפסט זעהן זיך אזוי אויפצופירן, אז דיינע עלטערן זאלן האבן נחת און הנאה פון דיר.

*

**און** איך וועל מיט דעם מסיים זיין. עס איז דא אסאך חבורות ביי אונז אין די קהלה. **יעדער בחור, יעדער לפי ערכו, זאל פרובירן זיך אנצושליסן צו כאטש איינס, צוויי, אדער דריי פון די חבורות. עס וועט אים זיין א טובה בזה ובבא, בגשמיות וברוחניות.** ער וועט האבן א חברותא און חברים, מיט דעם וואס ער וועט זיין אנגעשלאסן מיט חברותות צוזאמען, און ער וועט האבן א מקום ווי ער זאל קענען מיטהאלטן, ער זאל קענען שטייגן, אין לימוד התורה און עבודת ה'.

**קוקטס** נישט אויפן עבר, קוקטס אויפן עתיד. דער עבר איז נישט קיין נפקא מינה וואס איז געווען, אבער **דער עתיד ענקערע איז זייער גרויס! יעדער פון ענק קען אויסוואקסן!** דער **חזון איש** האט אמאל געזאגט: 'ביי מיר איז יעדער בחור בכלל, אז ער איז א ספק גדול בישראל פונעם קומענדיגען דור! אויף יעדן בחור האט ער עס געזאגט. מען מוז נישט זיין קיין עילוי דערצו, **מען קען זיין א גדול בישראל, און קענען כל התורה כולה, אפילו א מיטל-גאטיגער בעל כשרון, ווען ער לערנט פלייסיג.** עס איז נישט נאר דער חזון איש דארף עס זאגן, יעדער דארף עס זאגן פאר זיך. 'איך קען נאך אפשר זיין א גדול הדור'. איך וועל זיך נעמען אין די הענט אריין, איך וועל לערנען, און איך וועל קענען הלכות איינס נאך דאס אנדערע, מסכתות איינס נאך דאס אנדערע, יא איך וועל אויסוואקסן א ראש ישיבה, א מגיד שיעור, א רב, א דיין. מען קען עס באווייזן! זיך נישט לאזן נארן אז מען קען נישט צוקומען דערצו. דאס איז די חשיבות פון תורה און עבודת ה' אז מען זאל וואקסן און שטייגן.

*

**דער** אייבערשטער זאל געבן, חפץ ה' יצליח, מען זאל קענען מצליח זיין אין תורה. עס האט זיך אנגעהויבן בין הזמנים יעצט, זיך מאכן א סדר ווי אזוי איך גיי אויסנוצען די בין הזמנים, זיצן צוזאמען מיט מיינע חברים אין בית המדרש, זיך נישט ארומדרייען אויף די גאסן, נישט האבן קיין שום שייכות צו א זאך וואס קען מיך אוועקנעמען פון עבודת ה', מאכן זיך אליין גדרים וסייגים, וועט מען מצליח זיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל וואקסן תלמידי חכמים יראי ה', ערליכע יודען, חסידישע יודען, דער אייבערשטער זאל קענען הנאה האבן פון אונז. מען איז דאך אין דער לעצטער שטאפל פון דעם גלות, זאל מען זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר יהודא שטערן הי"ו

יום א' פרשת צו תשפ"ג לפ"ק

**עס** איז די טעג וואס יודען זענען ארויס פון מצרים. רש"י (שמות יב-ו) ברענגט צו, ואת ערום ועריה (יחזקאל טז-ז), עס איז געקומען די צייט וואס מען האט געדארפט ארויסגיין פון מצרים, און יודען האבן נישט געהאט קיין מצוות, זיי האבן נישט געהאט קיין זכותים, מיט וואס זיי זאלן ארויסגיין פון מצרים. האט דער אייבערשטער אונז גegעבן צוויי מצות, וואס איז געווען פארבינדן מיט דם. ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי, דם פסח און דם מילה.

**דם** פסח, פארשטייט מען, ופסח ה' על הפתח, עס איז דאך אן הודאה אויף דעם וואס מען גייט ארויס פון מצרים. מילה איז דאך א זייטיגע מצוה, ווי אלע אנדערע מצות פון די תורה. פארוואס האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן דוקא די

מצוה פון מילה, און דאס האט ער זיי געגעבן, כדי זיי זאלן האבן א זכות ארויסצוגיין פון מצרים.

**מען** האט פריער געהערט, אז מילה האט אין זיך אן אויסנאם פון אלע אנדערע מצות, אז עס איז נחקק אינעם גוף פונעם מענטש. יעדע מצוה איז נאר אין חיצוניות, און דאס איז אין פנימיות פונעם מענטש. עס קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א סיבה, פארוואס דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון מילה.

**ברית** מילה איז דאך כולל כל התורה כולה, אלמלא מילה לא נתקיימו שמים וארץ (נדרים לב:), איז עס דאך א מצוה וואס איז נישט נאר אן איינצעלנע מצוה, עס איז דאך א מצוה וואס איז כמוצא שלל רב, עס ליגט דערין די גאנצע תורה.

**יודען** זענען דאך געווען א פאלק וואס זענען געווען בעינוי די אלע יארן אין מצרים. נעמען אויף זיך א עול פון תורה ומצות, איז נישט אזוי גרינג. דער אייבערשטער האט געוואלט ארויפלייגן אויף זיי א מצוה, זיי זאלן נישט זיין ערום ועריה, האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן די גרינגסטע מצוה וואס איז שייך אז זיי זאלן מקיים זיין. מצות מילה איז בעצם פון די שווערסטע מצות, כי עליך הורגנו כל היום (תהלים מד-כג), א מצוה וואס איז פארבינדן מיט מסירת נפש. אבער פון די אנדערע זייט האט עס אין זיך א מעלה, אז די גמרא (שבת קל.) זאגט, כל מצוה שקבלו ישראל עליהם בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה. מילה האט מען מקבל געווען בשמחה, און דאס האלט אן, עדיין עושין בשמחה. יעדער טאטע וואס איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו מאכט א סעודה, און ער פריידט זיך, ער איז גוט אויפגעלייגט, עס טוט אים גארנישט ווי דער צער וואס דאס קינד גייט אדורך. עס איז הפלא ופלא אזא מציאות, אז א טאטע זאל קענען נעמען א קינד, און ווי' טון פאר אים, און ער פריידט זיך נאך דערמיט! עס איז נאר ווייל מען האט מקבל געווען די מצוה בשמחה, איז עדיין עושין אותה בשמחה.

**דאס** איז די איינציגסטע מצוה וואס דער אייבערשטער האט געקענט געבן פאר יודען דעמאלטס אין מצרים, אז זיי זאלן עס קענען מקבל זיין מיט א שמחה, עס זאל זיי גרינג אנקומען. עס איז דאך שווער, מען גייט ארויס פון א עינוי, און מען זאל אנהייבן נעמען אויף זיך עול מצות. האט דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון מילה, וואס דאס איז געווען קבלו עליהם בשמחה, ועדיין עושין אותה בשמחה, די מצוה האבן זיי געקענט גרינגערהייט נעמען אויף זיך, און דאס איז געווען די התחלה אויף קבלת התורה.

**די** זעלבע איז יעדע קינד. דער אייבערשטער גיט א קינד, און מען דארף אים מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, איז די ערשטע מצוה מאכט מען די גרינגסטע מצוה, די התחלה, וואס מען האט עס מקבל געווען בשמחה, און עס איז עדיין עושין אותה בשמחה, צו ווייזן, קוקטס אן די מצוה פון מילה, ווייל מען האט אנגעהויבן מיט שמחה, האלט אן די שמחה אויף שטענדיג, אזוי איז די לימוד פאר א קינד אויך. מען גייט אים מחנך זיין צו תורה, אז וואס דו וועסט טון בשמחה, וועט דיר זיין גרינגער דיין גאנץ לעבן שפעטער מקיים צו זיין. א מצוה וואס דו וועסט מקבל זיין אן שמחה, וועסטו האבן שווערקייטן שטענדיג. כדי צו לערנען ווי אזוי ער דארף אריינגיין צו תורה ולחופה ולמעשים טובים, כשם שנכנס לברית, ביסטו אריין בשמחה, פארוואס, ווייל דער זיידע האט עס מקבל געווען בשמחה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.